# קאַנאַדאַ.

אלגעמיינע ידיעות וועגען לאנד און עצות פאר די וואס
ווילען פאהרען אהין.

אַרויסגעגעבען פון דער יודישער קאָלאָניזאַציאָנס געזעלשאַפט.

68920

# КАНАДА.

## ОБЩІЯ СВѢДѢНІЯ И УКАЗАНІЯ

для желающихъ ѣхать въ эту страну.

ס״ט פטרבורג.

בוכדרוקעריי פאָן יוסף לוריא עט קאמפ., גאָראָחאָוואיא 48.

ה׳תרס״ה.

לויט דעם לעצטען בעפעהל פון דער קאנאדישער רעגיערונג ווערען ניט אריינגעלאזען אין לאנד עמיגראנטען, וואס האבען ניט צו ווייזען ביים אריינפאהר הונדערט רובל מזומן געלד און א באהן-בילעט ביז דער סטאנציע, וואוהין זיי פאהרען. עמיגראנטען, וואס האבען קרובים, וועלכע נעהמען אויף זיך זארגען פאר זיי און איינארדנען זיי, ווערען אריינגעלאזען אפילו ווען זיי האבען ניט צו ווייזען קיין געלד. געזונדע און שטארקע ארבייטער, וואס ווילען זיך בעזעצען אין די מערב-פראווינצען און האבען באהן-בילעטען אהין, ווערען אין אנדערע פעלען אריינגעלאזען, אפילו ווען זיי האבען ניט גענוג געלד מיט זיך. אויך ווערען ניט אריינגעלאזען אין לאנד עמיגראנטען, וואס ליידען אויף אנשטעקענדע אדער עקעלהאפטע קראנקהייטען, דערהויפט אויף פארחעס (פאוואוס, Favus) און די אויגען-קראנקהייט טראחאמא.

4

Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1941:12584

Дозволено цензурою, С.-Петербургъ, 28 Іюня 1905 года.

# דאס לאנד.

אין צפון-זייט פון די פעראייניגטע שטאטען פון אמעריקא געפינט זיך די ענגלישע פראווינץ קאנאדא. דאס איז א גרויס לאנד, וואס פערנעהמט כמעט דעם גאנצען צפון-זייט פון צפון-אמעריקא און איז גרויס אנ'ערך ווי גאנץ אייראפא. עס ציהט זיך אויף 5,500 וויארסט פון שטילען ים אין מערב ביז'ן אטלאנטישען ים אין מזרח, און בעשטעהט פון פאלגענדע פראווינצען: נײַ-שאטלאנד, פרינץ עדוארד'ס אינזעל, ניי-ברונשוויג, קוועבעק, אנטאריא, מאניטאבא, די צפון-מערב'דיגע טעריטאריעס און בריטיש-קאלומביא.

דאס אויסזעהן פון דעם לאנד איז ניט אומעטום דאס זעלבע. פון דעם מזרח-ברעג, פון אטלאנטישען ים, ביז דער גוראן-אזערע ציהט זיך א נידריגעס, פלאכעס לאנד. ערטערווייז בעדעקט מיט נידריגע בערגלעך. אמאל איז די גאנצע געגענד געוועזען בעדעקט מיט וועלדער. איצט ווערט דארט אלץ מעהר פעלדער און לאנקעס, אבער ס'איז נאך דארט געבליבען גענוג גרויסע וועלדער. אין צפון-זייט פון גוראן-אזערע און דער אויבערשטער-אזערע איז די געגענד א געבירגיגע, מיט א סך הוילע פעלזען.

אין מערב-זייט פון דער אויבערשטער אזערע בעשטעהט דאס לאנד פון סטעפּעס. דאס איז דער פרוכטבארסטער טייל פון קאנאדא, ער ציהט זיך ביז די סקאליסטע בערג, וואס פון זיי פערשפרייטען זיך בערג-צווייגען איבער גאנץ מערב-קאנאדא ביז צום שטילען ים.

## דֶער קְלִימַאט.

ױעגֶען דעם קלִימַאט פון קאַנאַדאַ קען מען זאָגען, אַז בכלל איז ער אַ טרוקענער און אַ געזונדער. נאָר דִי, וואָס לײַדען אויף האַלז- אָדער האַרץ-קראַנקהײַטען, דאַרפען אַהִין נִיט פאָהרען. דִי לופט איז דאָרט אַ טרוקענע, דעריִבער איז דאָרט לײַכט אַריִבער⸗צוטראָגען גרויסע היִצען און שטאַרקע קעלטען. אין פערשִידענע טײַלען פון לאַנד איז דִי טעמפעראַטור אַ פערשִידענע. אין דִי פראָװִינצען אָנטאַריִאָ, קוועבעק און מאַנִיטאָבאַ איז דער זומער זעהר אַ װאַרִימער און דער װִינטער אַ קאַלטער און שנעאִיגער. דער װִינטער הויבט זיִך אָן אין נאָװעמבער אָדער דעצעמבער און דויערט ביִז מערץ אָדער אַפּריִל.

---

## דִי בֶעפֶעלְקֶערוּנְג.

אין קאַנאַדאַ איז דערהויפט בעזעצט מִיט אײַנװאָהנער דער דרום-טײַל פון לאַנד, דער צפון⸗טײַל פון לאַנד איז כמעט אינגאַנצען וויִסט.

דִי צאָהל אײַנװאָהנער אין קאַנאַדאַ איז בערך 6 מִיליאָן מעהר ווִי אַ העלפט פון דִי 6 מִיליאָן ױאָהנען אין דִי צווײ פראָווִינצען קוועבעק און אָנטאַריִאָ. דאָרט געפִינען זיִך אויך דִי גרעסטע קאַנאַדִישע שטעדט:

אין דער פראָװִינץ קוועבעק: מאָנטרעאַל (325,000 אײַנוואָהנער)
קוועבעק (70,000 אײַנוואָהנער)

אין דער פראָוִוינץ אָנטאַריִאָ: טאָראָנטאָ (225,000 אײַנוואָהנער)
אָטאַװאַ (60,000 אײַנוואָהנער)
האַמִילטאָן (53,000 אײַנוואָהנער).

אין דִי איִבריִגע פראָווִינצען זענען דִי גרעסטע שטעדט: װִינִיפּעג (פּראָװ. מאַנִיטאָבאַ) מִיט 70,000 אײַנוואָהנער און װאַנקוװער (פּראָוו. בריִטִיש⸗קאָלומביִאַ) מִיט 26,000 אײַנוו.

דִי צאָהל יודען אין קאַנאַדאַ איז אַ קלײנע, פִינף און צוואַנ⸗

ציג טויזענד בערך. דאס רוב יודען געפינט זיך אין די פראָווינצען קיועבעק (אין דער שטאָדט מאָנטרעאַל און די אַרומיגע געגענ־דען — אַנ'ערך 10,000 מאַן), אָנטאַריאָ (אין דער שטאָדט טאָ־ראָנטאָ—העכער ווי 3,000 מאַן) און מאַניטאָבאַ (אין דער שטאָדט ווינִיפּעג — אַרום 3,000 מאַן). אַחוץ די אָנגערופענע שטעדט, וואו יודען געפינען זיך אין אַ גרויסער צאָהל, וואָהנען קליינע גרופּעס יודען אין פיעל אַנדערע שטעדט, למשל, אין האַליפאַקס (פּראָוו. ניי־שאָטלאַנד), סען־דזשאָן (פּראָוו. ניי־ברוינשווייג), אָטאַוואַ, האַמילטאָן און לאָנדאָן (אַלע דריי אין דער פּראָוו. אָנטאַריאָ), אין קיועבעק. אויף זעהר פיעל סטאַנציעס פון דער גרויסער קאַנאַ-דישער אַייזענבאַהן, וואָס געהט פון שטילען ים צום אַנטלאַנטישען, קען מען געפינען צו איינע אָדער צוּ עטליכע יודישע פאַמיליעס. אין דער ווייטעסטער מערב-פּראָווינץ, בריטיש-קאָלומביאַ, וואָה-נען יודען אין דער שטאָדט וויקטאָריאַ. זיי האָבען דאָרט נאָך אין יאָהר 1862 אויסגעבויט פאַר זיך אַ שוהל. מיט יעדען יאָהר ווערט די צאָהל יודען אין קאַנאַדאַ אַלץ גרעסער.

---

## האַנדעל און פאַבריקאַציע.

קאַנאַדאַ איז דערהויפּט אַ לאַנד פון ערד־אַרבייט. עס וואַק־סען אין איהר אַלערהאַנד תבואות: ווייץ, האָבער, אַרבעס, גערשטען, באָב, מאַאיס, קאַרטאָפעל און אַנד. קאַנאַדאַ איז רייך מיט וואַלד און וואַסער, דעריבער איז דאָרט ענטוויקעלט דער וואַלד-געשעפט און פישערייַ. קויהלען און אַלערהאַנד מעטאַלען געפינען זיך אויך אין לאַנד. צוגלייך ענטוויקלען זיך דאָרט דער האַנדעל און די פאַבריקאַציע. אין דעם פּרט צייכנען זיך אויס מעהר פאַר אַנ־דערע די מזרח-פּראָווינצען. דערהויפּט זענען פערשפּרייט אין קאַנאַדאַ פאָלגענדע אַרטען פאַבריקאַציע: מילנעריי, זעג־מיהלען (טאַרטעקס), די אויסאַרבייטונג פון שוכוואַרג, גאַרבעריי, גוס־פאַב-ריקען, צוקער-פאַבריקען און אַנדערע.

---

## אֱמוּנָה, שְׁפְּרַאךְ און שולֶען.

דאָס רוב אַיינוואָהנער פון קאַנאַדאַ זענען פּראָטעסטאַנטען, די פּראָווינץ קוועבעק איז די איינציגע, וואָס איז בעזעצט דער-הויפּט מיט קאַטוילִיקען. די הויפּט-שפּראַך אין קאַנאַדאַ איז די ענגלישע, רעדען און פערשטעהן ענגליש דאַרף יעדערער, וואָס וויל זיך בעזעצען אין לאַנד און בעקומען עפּעס אַ מלאָכה אָדער אַנ'אַרבייט. דאָס וואָס עס ווערט ווייטער אין ביכעל געזאָגט ווע-גען די אַרבייטס-בעדינגונגען און דעם לוין פאַר אַרבייטער פון פערשידענע פאַכען, מיינט מען דאָס אַלץ אַזוינע אַרבייטער, וואָס פערשטעהען די ענגלישע שפּראַך. אין דער פּראָווינץ קוועבעק איז דאָס רוב פון דער בעפעלקערונג פראַנצויזען, דעריבער ווערט דאָרט מעהר פאַר אַלץ געברויכט די פראַנצויזישע שפּראַך. אין די קאַנאַדישע שולען לערענט מען די קינדער אומזיסט, און עס עקזיסטירט אַ געזעץ, אַז קינדער פון אַ געוויסען עלטער מוזען געשיקט ווערען אין די שולען.

---

## מַטְבֵּעוֹת.

אין קאַנאַדאַ ווערען געברויכט די זעלבע מטבעות, וואָס אין די פעראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקאַ. מען רעכענט דאָרט אויף דאָלאַרען און סענטען. אַ דאָלאַר איז אויף רוסישע געלד אַנ'ערך צוויי רובל (1 רובל 94 קאָפּ') און בעשטעהט פון 100 סענט (אַ סענט בערך 2 קאָפּ'). אויף ענגליש שרייבט זיך אַ דאָ-לאַר אַזוי: $

אין וועג וועט דעם עמיגראַנט אויסקומען האָבען צו טהון אויך מיט דייטשע און ענגלישע מטבעות. אין דייטשלאַנד רע-כענט מען אויף מאַרקען. אַ דייטשער מאַרק איז אויף רוסישע געלד אַנ'ערך 46—47 קאָפּ', און בעשטעהט פון 100 פפעניג. אין ענגלאַנד רעכענט מען אויף פונטען שטערלינג. אַ פונט שטער-לינג איז אויף רוסישע געלד 9,50 רובל און בעשטעהט פון 20

שילינג (אַ שילינג בּערך 50 קאָפּ'), אַ שילינג ווערט איינגעטיילט אויף 12 פּענס (אַ פּענס בּערך 4 קאָפּ').

---

## ווי אַזוי פֿאָהרט מען אין קאַנאַדאַ.

אין קאַנאַדע קען מען פֿאָהרען אָדער דורך די רוסישע פּאָרט-שטערט ליבּוי און ריגאַ, אָדער איבּער די דייטשע און עסטרייכישע גרענעצען.

פון ליבּוי (אָדער ריגאַ) קאָסט פאַר אַן עמיגראַנט אַ שיפּס-קאַרטע קיין קוועבּעק [1] 70 רובּל. די שיפען געהען ניט פון ליבּוי און ריגאַ דירעקט קיין קאַנאַדאַ, זיי דערגעהען נאָר בּיז לאָנדאָן און דאָרט דאַרף מען זיך אַריבּערזעצען אויף אַנדערע שיפען. אַ שיפּס-קאַרטע פון ליבּוי קיין קאַנאַדאַ איבּער אַנטווערפּען (בּעלגיען) קאָסט 78 רובּל.

מען קען אויך פֿאָהרען פון ליבּוי מיט'ן פּאַראָחאָד בּיז האַמבּורג (עס דויערט 2 מעת-לעת און קאָסט 20 רובּל) און פון דאָרט פֿאָהרען ווייטער מיט אַ דייטשען שיף.

פון האַמבּורג בּיז האַליפאַקס קאָסט אַ שיפּס-קאַרטע 150 מאַרק (אַרום 75 רובּל). פון אַנטווערפּען בּיז קוועבּעק (ווינטער בּיז סען-דזשאָן) 130 מאַרק, פון ענגלאַנד — $5^1/_2$ פונט שטערלינג. די פּרייזען פון די שיפּס-קאַרטען בּייטען זיך זעהר אָפט, דעריבּער דאַרף מען שטענדיג פאַר'ן אַוועקפֿאָהרען אָנפרעגען, וויפיעל קאָסט איצט אַ שיפּס-קאַרטע.

פאַר קינדער בּיז איין יאָהר צאָהלט מען 5 רובּל. פאַר קינדער פון 1 בּיז 12 יאָהר נעהמט מען אַ האַלבּען בּילעט.

אויפ'ן שיף בּעקומט יעדער פּאַסאַזשיר 3 מאָל אַ טאָג עסען,

---

[1] ווינטער איז דער ים ארום קוועבעק פערפראָהרען און די פּאַראָחאָדען שטעלען זיך אָב ביי האליפאַקס אָדער סען-דזשאָן. פון דאָרט דאַרף מען פֿאָהרען קיין קוועבעק מיט'ן באהן, און דעריבער קאָסט ווינטער די נסיעה אהין אַ ביסעל טייערער ווי זומער.

אַנ'אָרט אויף צו שלאָפען און מעדיצינישע הילף, אויב ער ווערט קראַנק. אויך בעקומט יעדער פּאַסאַזשיר אַ בעט, אַ קאָלדרע, אַ קישען, אַ טעלער, אַ קענדעל אויף טרינקען, אַ גאָפּעל און אַ מעסער.

אויף די שיפען פון דער „האַמבורג—אַמעריקאַ ליניע", ווען עס פאָהרען מיט זיי אַ סך יודישע עמיגראַנטען, גיט מען זיי די מעגליכקייט צו קאָכען פאַר זיך כשר עסען, און עס איז פאַר־האַן דערצו כשר געשיר. אויך גיט מען זיי כשר'ע פלייש־ און פיש־קאָנסערווען, אויב זיי מעלדען פאַר'ן אָבפאָהרען, אַז זיי ווילען האָבען אין וועג כשר עסען.

אויף די שיפען פון די אנדערע שיפס־געזעלשאַפטען גיט מען די יודישע פּאַסאַזשירען אויך כשר עסען, אָבער נאָר קאַר־טאָפעל, אַלערהאַנד אויבס, קאָנסערווען, פיש און דעסגל., און ניט קיין פלייש.

פון רוסלאַנד ביז קאַנאַדאַ דויערט דאָס פאָהרען ביז צווייַ וואָכען.

די עמיגראַנטען, וואָס פאָהרען אויף דייטשלאַנד דאַרפען אויף דער רוסיש-דייטשער גרעניץ דורכגעהן דורך די געוויסע „קאָנטראָל-סטאַנציעס". דאָרט פיהרט מען זיי אין באָד, די זאַכען און דעם באַגאַזש וויַערען דעזינפעקצירט מען. מען נעהמט דער־פאַר פון יעדען עמיגראַנט (אויך פון קינדער) צו 2 מאַרק; פון די, וואָס פאָהרען אויף ענגלאַנד, נעהמט מען צו 4 מאַרק. עס ווערען בעפרייט פון דורכגעהן די קאָנטראָל־סטאַנציעס די עמי־גראַנטען וואָס האָבען: 1) אַ פּאַס, 2) אַ שיפס־קאַרטע פון דער געזעלשאַפט „האַמבורג-אַמעריקאַ ליניע", 3) אַ באַהן-בילעט ביז האַמבורג און 4) מזומן־געלד צו 200 רובל פאַר יעדען דער־וואַקסענעם און צו 50 רובל פאַר אַ קינד ביז 10 יאָהר.

---

## באַגאַזש.

מען דאַרף ניט נעהמען מיט זיך צופיעל זאַכען. דאָס פיהר־

רען זײַ, דערהויפּט מיט די באַהנען, און דאָס אַריבערפיהרען פון באַהן צום שיף קאָסט זעהר טײַער און פערשאַפּט דעם עמיגראַנט אַ סך מיה און חלאָפּאָט. מען דאַרף ניט נעהמען מיט זיך קיין זאַכען, וואָס פערנעהמען אַ סך אָרט און אַזוינע, וואָס קענען זיך צובּרעכען אויפ'ן וועג. ווי כּלים צו דער מלאָכה אָדער צו ערד-אַרבּײַט, וואָרום פאַר דאָס געלד, וואָס זיי קאָסטען דאָ און וואָס דאָס אַריבערפיהרען וועט אָבקאָסטען, קען מען זיי געוויס קויפען דאָרט אויפ'ן אָרט און אפשר נאָך בּיליגער. אויך דאַרף מען ניט נעהמען מיט זיך קיין מעבעל, ווי למשל: טישען, שטולען, בּע-טען, וואָס לייגען זיך ניט צונויף, בּכלל זאַכען וואָס פערנעהמען אַ סך אָרט. דעם באַגאַזש דאַרף מען אײַנטיילען אין צוויי חלקים: בּעזונדער דאַרף מען פערפּאַקען די זאַכען, וואָס מען וועט זיי דאַרפען האָבען ערשט נאָכ'ן אָנקומען אויף'ן אָרט, און ווידער בּעזונדער די זאַכען, וואָס מען מוז זיי געבּרויכען אויף'ן וועג. די זאַכען, וואָס אויף'ן וועג דאַרף מען זיי ניט האָבען, דאַרף מען גוט פערפּאַקען אין קאַסטענס, טשעמאָדאַנעס אָדער אויף אַנ'אַנ-דער אופן, אַז קיין וואַסער זאָל ניט דורכגעהן און מען זאָל עס קענען פערמאַכען אויף אַ שלאָס. די זאַכען דאַרף מען גוט אײַנ-לייגען, כּדי זיי זאָלען זיך ניט וואַרפען און ניט שאָקלען בּשעת'ן פאָהרען און זאָלען איבּער דעם ניט צובּראָכען ווערען. די קאַס-טענס, טשעמאָדאַנעס א. ז. וו. דאַרף מען אָבער ניט פערניייען אָדער פערבּינדען מיט אַ סך שטריק, וואָרום אין די טאַמאָזשנעס אויף די גרענעצען דאַרף מען זיי עפענען. אויף יעדער קאַסטען, טשעמאָדאַן א. ז. וו. דאַרף מען מיט קלאָרע אותיות אָנשרײַבּען מיט טינט אָדער אייל-פאַרבּ דעם נאָמען און די פאַמיליע פון דעם עמיגראַנט און די פּאָרט-שטאָדט וואוהין ער פאָהרט. דאָס דאַרף זײַן אָנגעשריבּען אויף דײַטש אָדער פראַנצויזיש. מען קען דאָס אַלץ אָנשרײַבּען אויך אויף בּעזונדערע לײַניוענטענע צעטלען און צונייען אַזאַ צעטעל צו יעדער קאַסטען, טשעמאָדאַן א. ז. וו.; ווען דער עמיגראַנט וועט דאָס ניט טהון, קען ער האָבען גרויסע היזקות. אויב דער עמיגראַנט פאָהרט מיט'ן באַהן בּיז דער

פאָרט-שטאָדט, וואו ער דאַרף זיך זעצען אויף'ן שיף, לוינט איהם, אויב ער האָט אַ סך באַגאַזש, אַפּריהער אַויעקצושיקען דעם באַגאַזש „מאַלאָי סקאָראָסטיו"; מען דאַרף נאָר אויסרעכענען, דער באַגאַזש זאָל אויף געוויס אָנקומען איידער דאָס שיף וועט אָבפאָהרען.

דעם באַגאַזש דאַרף מען שיקען אויף'ן נאָמען פון דער שיפס-געזעלשאַפט, מיט וועלכער דער עמיגראַנט פאָהרט.

אויב דער באַגאַזש פון עמיגראַנט האָט פערשפּעטיגט און ער האָט געמוזט אַוועקפאָהרען אָהן איהם, דאַרף ער וועגען דעם באַלד, ווי ער וועט קומען צו פאָהרען אויף'ן אָרט, מודיע זיין דעם אַגענט פון דער שיפס-געזעלשאַפט, וואָס ער איז מיט איהרען אַ שיף געקומען צו פאָהרען, און דאַרף זעהען אָבנעהמען דעם באַגאַזש.

אויב דער עמיגראַנט וועט עס אָבלייגען און וועט ניט זאָרגען וועגען דעם באַלד, קען דער באַגאַזש גאָר אינגאַנצען פערפאַלען ווערען.

באַלד ווי דער עמיגראַנט קומט צו פאָהרען, דאַרף ער זעהן אַרומקוקען זיין באַגאַזש, וואָס איז געגאַנגען מיט'ן שיף, צי ער איז ריכטיג און גאַנץ אָנגעקומען. ווען עפּעס איז פערפאַלען אָדער צונישטעט געוואָרען, דאַרף ער וועגען דעם באַלד מעלדען.

דער עמיגראַנט וואָס פאָהרט פון ליבוי, מעג פיהרען מיט זיך אומזיסט 6 פוד באַגאַזש. וואָס ער פיהרט מעהר, צאָהלט ער צו 1,75 רובל פאַר אַ פוד; די קאָסטענס, טשעמאָדאַנעס א. ז. וו. דאַרפען ניט האָבען יעדער פאַק מעהר ווי 1½ אַרשין די לענג, 1 אַרשין די הויך און 1 אַרשין די ברייט.

די עמיגראַנטען, וואָס זעצען זיך אויף'ן שיף אין האַמבורג און פאָהרען מיט די שיפען פון דער „האַמבורג—אַמעריקאַ ליניע", מעגען פיהרען מיט זיך אומזיסט 100 קילאָגראַם באַגאַזש (6 פוד מיט 5 פונט); קינדער, וואָס פאָהרען מיט אַ האַלבען בילעט, מעגען פיהרען אומזיסט 50 קילאָגראַם באַגאַזש. וואָס מעהר, ווערט געצאָהלט 25 מאַרק (אַרום 12 רובל) פאַר יעדע 100 קי-

לאָגראַם. אויב דער באַגאַזש ווערט פערפאַלען, צאָהלט די „האַמ-בורג—אַמעריקאַ ליניע" אַרויס ניט מעהר ווי 100 מאַרק [1].

אויף די אַייזענבאַהנען אין פּריַיסען און עסטריַיך גילטען פאָלגענדע תקנות וועגען באַגאַזש: אַ פּאַסאַזשיר פון 3-טען קלאַס מעג פיהרען אומזיסט 62 פונט באַגאַזש, אין 4-טען קלאַס (אין פּריַיסען) מעג אַ פּאַסאַזשיר נעהמען באַגאַזש נאָר מיט זיך אין וואַגאָן און וויפיעל אַ דערוואַקסענער מענש קען אויפהויבען.

אויף די אַייזענבאַהנען אין ענגלאַנד טאָר מען פיהרען באַ-גאַזש ניט מעהר ווי 112 ענגלישע פונט (126 רוסישע פונט; אַ ענגלישער פונט איז גלייך $1^1/_8$ רוס. פונט), אין קאַנאַדאַ דאַרף דער באַגאַזש פערנעהמען ניט מעהר ווי 10 קוביק-פוט און וועגען ניט מעהר ווי 150 ענגלישע פונט. וואָס מעהר, ווערט אין קאַ-נאַדאַ געצאָהלט $12^0/_0$ פון דעם פּריַיז פון באַהן-בילעט פאַר יעדע 100 ענגל. פונט.

---

## וואָס דאַרף דער עמיגראַנט נעהמען מיט זיך.

קליינע הויז-גערעט, ווי מעסער, גאָפּעל און לעפעל, געשיר, בעט-געוואַנד, טישטיכער, נייַ-מאַשינען, קליינע אינסטרומענטען און דעסגל. קען דער עמיגראַנט נעהמען מיט זיך, ער דאַרף נאָר ניט נעהמען קיין שווערע זאַכען. פון קליידער דאַרף יעדער עמי-גראַנט נעהמען מיט זיך פאָלגענדעס:

מאַנסבילען: 1) אויף צו טראָגען אין וועג: אַ לאַנגען וואַ-רעמען מאַנטעל, אַ גוטען בגד, אַ פּאָר שטיוועל, אַ וואָלענע קאָלדרע,

---

[1]) אויב דער עמיגראַנט וויל בעקומען דעם גאַנצען ווערטה פון זיין באַגאַזש, ווען דער באַגאַזש וועט פערפאַלען ווערען, דאַרף ער איהם סטראַ-כירען: ער דאַרף דערלאַגגען אַ פּאַפּיר, אין וועלכען עס ווערט אויסגערעכענט וואָס ער פיהרט מיט זיך און וואָס יעדע זאַך קאָסט און בעזונדער בעצאָהלען פאַר די סטראַכאָווקע.

אַ וואַרימע הִיטעל און אַ האַלז-טיכעל, ווֶעש, טיכלעך, האַנדטיכער און גוטע לײַוועַנטענע הויזען; 2) אויף צו טראָגען קומענדיג אין קאַנאַדאַ: אַ צוויַיטען בגד, אַ צוויַיטע פאָר שטיוועל און 4—3 פאָר ווֶעש.

פ ר ו י ע ן: 1) אויף צו טראָגען אין וועג: אֵיין וואַרימע קלייד, אַ פאָר קאַמאַשען, אַ וואַרימען מאַנטעל אָדער אַ זשאַקעט. אַ וואָלענע קאָלדרע און אַ האַלז-טיכעל, אַ הוט, וואָס זיצט גוט אויף'ן קאָפּ, ווֶעש, טיכלעך, נעה-געציַיג און אַ לײַוועַנטענעם זעקיל; 2) אויף צו טראָגען, קומענדיג צו פאָהרען אין קאַנאַדאַ: אַ צוויַיטע וואַרימע קלייד, אַ צוויַיטע פאָר קאַמאַשען, אַ באַיוועל-קלייד, טיכלעך, האַנדטיכער און 4—3 פאָר ווֶעש.

ק י נ ד ע ר: וואַרימע קליידער, מאַנטלען, שיך און 4—3 פאָר ווֶעש אין וועג און אויף צו טראָגען שפעטער.

---

## דִי אַייזֶענבַּאהֶנֶען אִין ־קאַנאַדַא.

אומזיסטע בילעטען אויף צו פאָהרען מיט'ן באַהן גיט מען ניט אין קאַנאַדאַ. עסענוואַרג אויף'ן וועג דאַרף זיך דער עמיגראַנט איינקויפען דאָרט, וואו ער זעצט זיך אין באַהן: קאָנסערווען, טיי, אַ טשײַניק, אַ בלעכעל געדיכטע מילך און דעסגל. בילעטען אויף צו פאָהרען אין קאַנאַדאַ מיט'ן באַהן דאַרף מען קויפען אין איירָאָפּאַ צוזאַמען מיט דער שיפס-קאַרטע. מיר ברײַנגען דאָ די פּרײַזען פון די באַהן-בילעטען, וואָס זיי קאָסטען ווען מען קויפט זיי אין איירָאָפּאַ צוזאַמען מיט די שיפס-קאַרטען [1]:

---

[1]) ווען מען קויפט זיי אין קאנאדא, קאָסט עס א סך טייערער. פאר קינדער, יונגער פאר 12 יאָהר, צאָה'לט מען א העלפט, קינדער פאר 5 יאָהר מעג מען פיהרען אומזיסט.

| | פון קוועבעק קאפ׳ רובל | פון מאנטרעאל קאפ׳ רובל | פון סען-דזשאן אדער האליפאקס קאפ׳ רובל |
|---|---|---|---|
| ביז קוועבעק | — — | 4,90 | 10,65 |
| „ מאנטרעאל | 4,85 | — — | 10,65 |
| „ אטאווא | 9,70 | 4,85 | 13,80 |
| „ טאראנטא | 13,80 | 12,90 | 13,80 |
| „ האמילטאן | 13,80 | 13,80 | 13,80 |
| „ וויניפעג | 31,50 | 31,50 | 33,50 |
| „ קאפעל | 37,50 | 37,50 | — — |
| „ וואנקוווער | — — | 98,70 | — — |
| „ וויקטאריא | 98,70 | — — | — — |

די פרייזען קענען זיך מיט דער צייט אומבייטען.

---

## צו וועמען קען זיך דער עמיגראנט ווענדען אין קאנאדא.

אין די שטעדט, וואו די עמיגראנטען קומען אן: קוועבעק און מאנטרעאל (אין דער פראווינץ קוועבעק), האליפאקס (ניי-שאטלאנד) און סען-דזשאן (ניי-ברונשוויג) זענען פארהאן ספעציעלע סטאנציעס פאר די, וואס קענען ניט צאהלען פאר קיין צימער. די עמיגראנטען קענען דארט זיין א קורצע צייט, נאר פאר דאס עסען דארפען זיי צאהלען.

יודישע עמיגראנטען קענען זיך ווענדען נאך עצות און ידיעות צו די יודישע פעראיינען און צדקה-חברות. די וויכטיגסטע פון זיי זיינען די פאלגענדע: אין האליפאקס — באראן הירש׳ס צדקה-חברה („באראן דע הירש בענעוואלענט אינסטיטושאן), אין מאנטרעאל — באראן הירש׳ס צדקה-אנשטאלט („באראן דע הירש אינסטיטוט“), אין טאראנטא — די יודישע צדקה-חברה (היבריו בענעוואלענט סאסייעטי“), אין וואנקוווער — די יודישע צדקה-חברה (היבריו בענעוואלענט סאסייעטי“), אין וויקטאריא

(בריטיש־קאָלומביאַ) — דער יודישער פּרוויִנץ-פֿעראיין („היבּריו לעדיס אַסאָסיאיישאָן”).

אין דער שטאָדט וויניפּעג (פּראָווינץ מאָניטאָבאַ) געפינט זיך אַ בּעזונדער רעגירונגס-בּעאַמטער, אַ עמיגראַציאָנס-קאָמיסאַר (קאָמישאָנער אָף אימיגריישאָן). ער גיט עצות און טיילט מיט די נויטיגע ידיעות יעדערען, וואָס וויל זיך בּעזעצען אין מאַני-טאָבאַ אָדער אין די צפון-מערב'דיגע טעריטאָריעס. אין די דאָ-זיגע צוויי פּראָווינצען געפינען זיך אין פיעל שטעדט ספּעציעלע עמיגראַציאָנס־בּעאַמטע, געשטעלטע פון דער רעגיערונג, און אויך אומזיסטע סטאַנציעס פאַר עמיגראַנטען, וואָס קענען פאַר קיין דירה ניט צאָהלען. די עמיגראַנטען, וואָס ווילען זיך בּענוצען מיט די סטאַנציעס, דאַרפען יועגען דעם פריהער אָנשרייבּען אהין. פון די בּעאַמטע בּעקומען די עמינראַנטען אומזיסט ידיעות וועגען ערד און פערמעס, וואָס פערקויפען זיך, וועגען דעם, וואו עס ווערען געפאָדערט אַרבּייטער, ווי גרויס איז דער לוין, ווי דאַרף מען פאָהרען און וואָס קאָסט דאָס פאָהרען.

אין די בּאַהן־צוגען, וואָס פאָהרען פון קוועבּעק קיין מערבּ־זייט פון דער אויבּערשטער אָזערע, געפינען זיך שטענדיג רעגי־רונגס-בּעאַמטע אום צו העלפען די עמיגראַנטען אין וועג און געבּען זיי עצות.

ווען אַ עמיגראַנט ווערט קראַנק און קען אַליין ניט זאָרגען פאַר זיך, בּעקומט ער פון דער רעגיערונג מעדיצינישע הילף און ווערט צוגענומען אין שפּיטאָל.

---

אין די וויטערדיגע קאַפּיטלען ווערט אָנגעוויזען, וואָסערע קאַטעגאָריעס אַרבּייטער קענען גיכער פאַר אַנדערע געפינען אַרבּייט און בּעזעצען זיך אין קאַנאַדאַ.

---

## ערד־ארבייטער.

פאר די, וואס פערנעהמען זיך מיט ערד-ארבייט, לוינט בעסער פאר אלץ, זיי זאלען קומען צו פאהרען אין מאנאט אפריל. אסיען־צייט וועט פאר זיי שווער זיין צו בעקומען ארבייט. מעהר פאר אלץ ווערען געפאדערט ארבייטער פריהלינגס־צייט און בשעת מען נעהמט אראב פון די פעלדער. עס ווערען געפאדערט דערוואקסענע און יונגע לייט, וואס זענען געניט אין דער ארבייט און בעקאנט מיט לאנד־ווירטשאפט, וואס קענען מעלקען קיה, בעגעהן זיך מיט בהמות, פערד, באראנעס, חזירים, קוילענען פיה א. ז. וו.; אפילו ניט-געניטע ארבייטער קענען זיך געפינען אנ׳ארבייט אין פריהלינג, אויב זיי זענען שטארקע, פעהיגע מענשען און ווילען זיך לערנען; נאר פון אנהויב ווילען זיי בעקומען א חוץ קעסט זעהר א קליינע שכירות. אין אנטאריא איז אין יאהר 1904 געוועזן א גרויסער דחק אויף ארבייטער, וואס זענען בעקאנט מיט ערד־ארבייט און גערטנעריי. בשעת דער ארבייט אויף׳ן פעלד ווערען געפאדערט זעהר פיעל ארבייטער אין מאניטאבא און די צפון־מערב׳דיגע טעריטאריעס, אבער עס קומען אהין צופאהרען ארבייטער פון די מזרח-פראווינצען. דעריבער איז פאר די ניי-אנגעקומענע עמיגראנטען בעסער צו פאהרען קיין אנטאריא, איידער קיין מאניטאבא. כמעט אומעטום פיהרט זיך, אז עמיגראנטען אהן פאמיליעס בעקומען גיכער ארבייט, ווי די וואס האבען מיט זיך א פאמיליע. עס ווערט איצט איינגעפיהרט אין קאנאדא, אז מען דינגט ארבייטער אויף א גאנץ יאהר, דאס רוב אבער דינגט מען זיי דארט נאר אויף 8—7 מאנאטען. אויף די ווינטערדיגע חדשים פערלאזען די ארבייטער די פערמעס און געהען זיך זוכען אנדערע פערדינסטען: אין אנטאריא און די מזרח־פראווינצען ארבייטען זיי אויף די פאבריקען, אין די גרובען, זענען בעלי־עגלות; אין מאניטאבא און די צפון־מערב׳דיגע טעריטאריעס ארדנען זיך אנדערע איין אויף איינענע שטיקער ערד, וואס די רעגירונג גיט דארט אומזיסט; אין בריטיש־קאלומביא

Ex bibl. univ. Tart.

# קאַנאַדאַ.



פערנעהמען זיי זיך מיט פישעריי, אַרבייטען אין די גרובען און
אַלס בעלי־עגלות.

אין דורכשניט פערדינט אַנאַרבייטער אין פערלויף פון די
7—8 מאָנאַטען, אַחוץ קעסט: אין דער פראָווינץ קיועבעק
פון 10 ביז 20 דאָלאַר אַ מאָנאַט (אָדער 25—35 דאָלאַר
אַ מאָנאַט אויף אייגענע קעסט); אויף פרינץ עדואַרד'ס
אינזעל פון 10 ביז 18 דאָלאַר; אין אָנטאַריאָ פון 16 ביז
25 דאָלאַר. אין ניי־ברונשוויג און ניי־שאָטלאַנד
פערדינט מען פון מאי ביז נאָיועמבער פון 10 ביז 20 דאָלאַר
אַ מאָנאַט. אין מאַניטאָבאַ איז דער דורכשניט-לוין 20—25
דאָלאַר אין די זומערדיגע מאָנאַטען און 5—15 בשעת'ן ווינטער.
אין די צפון־מערב'דיגע טעריטאָריעס איז דער לוין
20—25 דאָלאַר אַ מאָנאַט מיט קעסט, אין בריטיש-קאָלומ־
ביאַ ביים שטילען ים 15—35 דאָלאַר. אויף דער אינזעל וואַנ־
קוווער און אין עטליכע אַנדערע ערטער בענוצען זיך די פערמער
מיט די בילליגע יאַפּאַנישע און חינעזישע אַרבייטער און צאָהלען
אַרום 25 דאָל. אַ מאָנאַט אָהן קעסט אָדער 15 דאָל. מיט קעסט.

בשעת דעם אַראָבנעהמען פון די פעלדער שטייגען די פריי־
זען, בעזונדערס גוטע אַרבייטער קענען שטענדיג מעהר פערדינען.

ווען מען מאַכט מיט'ן אַרבייטער אַ קאָנטראַקט אויף אַ גאַנץ
יאָהר, צאָהלט מען איהם געוועהנליך ווענניגער. אין אָנטאַריאָ
צאָהלט מען געוועהנליך אַחוץ קעסט 160 דאָל. אַ יאָהר, אין אויס־
נאַהם-פעלען ביז 200 דאָל.; אין מאַניטאָבאַ 120—250
דאָלאַר, אין בריטיש־קאָלומביאַ 240—350 דאָל. און אין
ניי־ברונשוויג 120—180 דאָל. אַ יאָהר.

## פּאַסטוחעס.

גוטע פּאַסטוחעס בעקומען אין מאַניטאָבאַ און אין די צפון־
מערב'דיגע טעריטאָריעס פון 20 ביז 25 דאָלאַר אַ מאָנאַט מיט

קעסט, אויב מען דינגט זיי אויף אַ יאָהר. פאַסטוחעס ווערען אָבער געפאָדערט זעהר ווייניג. די וואָס פערנעהמען זיך מיט שערען שעפסען בעקומען 7 סענט פאַר אַ שעפס.

אין די צפון-מערב'דיגע טעריטאָריעס זענען פאַרהאַן די „רענטשעס", אַזוינע הויפען, וואָס פערנעהמען זיך ספּעציעל מיט האָדעווען פיה. פראָסטע אַרבּייטער בעקומען דאָרט 20—25 דאָל. אַ חודש, אויפזעהער — 35 דאָל. און מעהר. צו דער אַרבּייט ווערען אָבער געפאָדערט געניטע אַרבּייטער, און דעריבּער קען עס פאַר די ניי-אָנגעקומענע עמיגראַנטען קיין בעשעפטיגונג ניט זיין. די „רענטשעס" ליגען דערהויפּט אַרום דער שטאָדט מעק-לויד (אין די צפון-מערב'דיגע טעריטאָריעס).

אין בּריטיש-קאָלומבּיאַ לוינט זיך צו פערנעהמען מיט האָ-דעווען פיה און פיהרען אַ זעלבּשטענדיגע מילך-ווירטשאַפט.

---

## גערטנער.

אין אָנטאַריאָ צאָהלט מען די גערטנער פון 1 דאָלאַר ביז 1 דאָל. 75 סענט אַ טאָג, אָבער אַרבּייט פאַר זיי איז פאַרהאַן נאָר אין פריהלינג. אין ניי-בּרוינשוויג און אין דער פּראָ-ווינץ קוועבעק פערדינען גערטנער פון 12 ביז 20 דאָל. אַ חודש אַחוץ עסען, אין ניי-שאָטלאַנד 1—$1^{1}/_{4}$ דאָל. אַ טאָג מיט עסען. אין די אַנדערע פּראָווינצען ווערען גערטנער גאָר ניט גע-פאָדערט. אין מאָנטרעאַל און אין די געגענדען אַרום אַנדערע שטעדט, דערהויפּט ווינניפּעג, קענען זיך גערטנער זעלבּסטשטענדיג איינאָרדנען, האָבּענדיג אַ קליינעם קאַפּיטאַל.

---

## בּעלי-מלאכות און פאַבּריקס-אַרבּייטער.

פאַר בּעלי-מלאכות איז אויך דאָס בּעסטע קומען צופאָהא-רען אין קאַנאַדאַ אין פריהלינג. אומעטום ווערען שטענדיג מעהר

פאַר אַלץ געפּאָדערט טשעסליאַרעס . אין יאָהר 1904 האָבען אָהן ש'וויריגקייטען געפונען אַרבייט פאַר זיך אַלערהאַנד געלערנטע בעלי-מלאָכות, ווי סטאָליאַרעס, מוליאַרעס, האָלץ-זעגער, באָנדראַ-רעס און אַנדערע, איצט אָבער איז אומעטום פאַרהאַן גענוג בעלי-מלאָכות, און נייע דאַרפען אהין מעהר ניט קומען, דערהויפּט ווינ-טער-צייט . אין די דערפער וואָלטען געקענט פערדינען צום לעבען שמידען און טשעסליאַרעס, וואָס האָבען אַ קליינעם קאַפּיטאַל און קענען זיך פערנעהמען מיט זייער מלאָכה און צוגלייך אַרביי-טען אויף אַ קליינער פערמע . מען דאַרף אָבער דערצו קומען צו-פאָהרען זומער אָדער אין פריהלינג .

די פאַבריקאַציע איז דערהויפּט ענטוויקעלט אין די פראָ-ווינצען קוועבעק און אָנטאַריאָ , אין די געגענדען ביים ים געפי-נען זיך אויך גרויסע פאַבריקען . אין מאַניטאָבאַ איז פאַרהאַן זעהר ווייניג פאַבריקען . געוועהנליך בעקומט אַן'אַרבייטער מיט זיין עסען : אין די מזרח-פראָווינצען פון $1^1/_2$ ביז $2^1/_2$ דאָלאַר , אין מאַניטאָבאַ פון 2 ביז 3 דאָל. , אין די צפון-מערב'דיגע טע-ריטאָריעס פון 2 ביז 5 דאָל. (ס'ווענט זיך ווי ווייט די פאַבריק איז פון דער באַהן) און אין בריטיש-קאָלומביא פון 3 ביז 4 דאָל. אַ טאָג .

מוליאַרעס בעקומען אומעטום אויף $^1/_2$—1 דאָל. אַ טאָג מעהר, אָבער ווינטער-צייט זענען פאַרהאַן וואָכען, ווען זיי קענען ניט אַרבייטען איבער די פרעסט . אין וויקטאָריא (בריטיש-קאָ-לומביא) בעקומען איצט מוליאַרעס $4^4/_2$ דאָל. אַ טאָג (8 שעה אַרבייט), די וואָס אַרבייטען אין דער בליי-פאַבריקאַציע, בעקומען 4 דאָל. אַ טאָג, און טשעסליאַרעס 40 סענט אַ ש ע ה . אין ווינניפּעג בעקומען מוליאַרעס 45 סענט אַ שעה (אַרבייט איז פאַרהאַן 7—8 מאָנאַטען אין יאָהר). אין וואַנקוּווער בעקומען טשעסליאַרעס 40—45 סענט אַ שעה, אַרבייטער אין בליי-פאַבריקען 50 סענט אַ שעה, די און יענע אַרבייטען צו 8 שעה אין טאָג . אין טאָראָנטאָ (אָנטאַ-ריאָ) בעקומען טשעסליאַרעס 30—35 סענט, אין האַליפאַקס (ניי-שאָטלאַנד) 22—25 סענט אַ שעה, אין ראָסלאַנד (בריטיש-קאָלומ-

בּיִאַ) 3½ דאָל. אַ טאָג . אין אָטאַיוואַ (אָנטאַריִאָ) און אין מאָנט-רעאַל (קוועבּעק) בּעקומען מוליאַרעס 40 סענט אַ שעה , אין האַ-מילטאָן 45 סענט (9 שעה אין טאָג אַרבּייטען) , אין טאָראָנטאָ 45 סענט (8 שעה אין טאָג אַרבּייטען) . זעצער בּעקומען אין בּריטיש-קאָלומבּיאַ 22—17 דאָלאַר אַ וואָך (54—45 שעה) , אין מאַניטאָבּאַ 18—16 דאָל. אַ וואָך (54 שעה) , אין ניי-בּרוינשווייג, האַליפאַקס (ניי-שאָטלאַנד) און אין קוועבּעק — 10 דאָל. אַ וואָך (54 שעה) .

די לעצטע צייט איז אין קאַנאַדאַ בּכלל געשטיגען דער לוין , דערהויפּט בּיי די אַרבּייטער , וואָס האָבּען צו טהון בּיים בּויען, אין גוס-פאַבּריקען, אויף די אייזענבּאַהנען , און אויך פאַר פּראָסטע אַרבּייטער , נאָר צוגלייך איז דאָס לעבּען אויך טייערער געוואָרען .

---

## וואַלד-געשעפט .

פאַר ניט געניטע אַרבּייטער איז זעהר שווער בּעקומען אַר-בּייט אין וואַלד-געשעפט . געניטע אַרבּייטער דאַגעגען איז אין אָנטאַריִאָ און די מזרח-פּראָווינצען די לעצטע צייט געווען זעהר ווייניג . האָלץ-זעגער האָבּען דאָ זעהר גוט פערדינט . אין די מזרח-פּראָווינצען צאָהלט מען פאַר האַקען האָלץ 22—20 דאָל. אַ מאָנאַט , פאַר אַראָבּפיהרען (די פליטניקעס) בּיז 30 דאָל. אַ חודש, אַלץ מיט קעסט . אין בּריטיש-קאָלומבּיאַ צאָהלט מען פאַר האָלץ-האַקען פון 35 דאָל. אַ מאָנאַט מיט קעסט, אין מאַניטאָבּאַ פון 26 בּיז 35 דאָל. . אויף די זעג-מילען פון בּריטיש-קאָלומבּיאַ בּעקומען די האָלץ-זעגער 5—2½ דאָל. אַ טאָג (אָהן עסען) , אין אַנדערע פּראָווינצען 4—1½ דאָל. . אויף די זעג-מיהלען אַרבּייט מען געוועהנליך 11—10 שעה אַ טאָג , אין די וועלדער — פון אין דער פריה בּיז פאַרנאַכט . מיט וואַלד-געשעפט פערנעהמט מען זיך ווינטער-צייט און דערהויפּט אין די מזרח-פּראָווינצען און אין בּריטיש-קאָלומבּיאַ ; אין די צפון-מערב'דיגע טעריטאָריעס איז פאַרהאַן ווייניג וואַלד צום האַקען .

---

## אַרבּײטער אין די גרופּען.

אין די גאָלד־גרובּען אין נײַ-שאָטלאַנד פערדינען די אַרבּײ־טער $2\frac{1}{4}$ דאָל. אַ טאָג אין דורכשניט. מען אַרבּײַט דאָרט אין פערלויף פון גאַנצען יאָהר. גאָלד־גרובּען געפינען זיך אויך אין מערב-טײל פון אָנטאַריאָ, נאָר דאָרט פאָדערען זיך װעניג אַרבּײ-טער. די לעצטע צײַט האָט זיך ענטװיקעלט די אַרבּײַט אין די גרובּען אין בּריטיש־קאָלומבּיאַ; די דאָרטיגע גרובּען ליגען אַלע אַרום ראָסלאַנד, נאָר גוטע און געזונדע אַרבּײטער קענען דאָרט געפינען אַרבּײַט בּשעת דעם אַרבּײטס-סעזאָן. די לעצטע צײַט האָט מען געפונען גאָלד־גרובּען אין דער װײַטער געגענד יוקאָן (אין די צפון-מערב׳דיגע טעריטאָריעס) בּײַם טײַך קלאָנדײַק און אין אַנדערע ערטער.

קױהלען-גרובּען זענען פאַרהאַן אין פערשידענע פראָװינ־צען, די גרעסטע געפינען זיך אין נײַ־שאָטלאַנד און בּריטיש-קאָ-לומבּיאַ, אָבער אַרבּײטער װערען דאָרט איצט ניט געפאָדערט.

---

## פּראָסטע אַרבּײטער.

פאַר פּראָסטע אַרבּײַט און ערד־גראָבּען צאָהלט מען אין די מזרח-פּראָװינצען, אין מאַניטאָבּאַ און די צפון־מערב׳דיגע טערי־טאָריעס פון 1 דאָלאַר בּיז 1 דאָל. 75 סענט אַ טאָג אָהן עסען, אין בּריטיש-קאָלומבּיאַ $1\frac{1}{2}$—$2\frac{1}{2}$ דאָל., אויף די שיפּ־װאַרשטאַ-טען אין װאַנקױװער (בּריטיש־קאָלומבּיאַ) בּעקומען די אַרבּײטער 20 סענט אַ שעה, אין מאָנטרעאַל $1\frac{1}{4}$—2 דאָל. אַ טאָג. טרעגער, װאָס פערנעהמען זיך מיט לאָדעװען, בּעקומען אין האַליפאַקס 20 סענט אַ שעה בּײַ טאָג און 25 בּײַ דער נאַכט, אין מאָנטרעאַל— 25 סענט בּײַ טאָג און 30 בּײַ דער נאַכט, אין װאַנקױװער (בּרי-טיש־קאָלומבּיאַ) 40 סענט אַ שעה בּײַ טאָג און 50 בּײַ דער נאַכט. אַרבּײטער, דערהױפּט אויף צו גראָבּען ערד, װערען אין אַ גרױסער צאָהל געפאָדערט אומעטום נאָר פריהלינג־ און זומער־צײַט, װען

עס איז פאַרהאַן פיעל אַרבייט ביים בויען די אייזענבאַהנען, פער-ריכטען די וועגען און דעסגל..

---

# פישעריי.

אין ניי-ברונשוויג, ניי-שאָטלאַנד און קוועבעק פערנעהמען זיך טויזענדער אַרבייטער מיט פישעריי. דער סעזאָן דערפון דויערט געוועהנליך פון אַפּריל ביז נאָוועמבער, די איבריגע מאָנאַטען מוז מען זיך זוכען אַנדערע בעשעפטיגונגען. די פישער אָדער זיי פישען אויף אייגענע לאָדקעס, אָדער זיי בעקומען אַלץ וואָס זיי האָבען נויטיג פון דעם בעל-הבית, און ער גיט זיי אַ חלק פון פערדינסט; אין דורכשניט פערדינען זיי דערביי פון 150 ביז 250 דאָל. פאַר אַ סעזאָן. פאַר פישען די אָמאַרען (אַזאַ מין פיש) צאָהלט מען שכירות אַרום 8 דאָל. אַ וואָך. אין בריטיש-קאָלומביאַ פערנעהמט מען זיך אויך מיט פישעריי, אָבער דאָרט זענען די אַרבייטער דערהויפּט חינעזער אָדער אינדיאַנער. ווייסע זענען דאָרט פאַרהאַן זעהר ווענינ און אין פערלויף פון די 5—6 מאָנאַטען סעזאָן-צייט פערדינען זיי פון 40 ביז 100 דאָל. אַ מאָנאַט אַחוץ עסען.

---

# אַנדערע בעלי-מלאכות און אַרבייטער.

קצבים, בעקערס און פאַבריקמאַכערס פערדינען אין דורכשניט $2-1^1/_4$ דאָל. אַ טאָג, פּראַקטישיקעס אין מאַנופאַקטור- און קאָלאָניאַל-קראָמען פון 8 ביז 12 דאָל. אַ וואָך. זיי ווערען ווענינ געפאָדערט.

בעלי-עגלות און פוהרמאַן: עס בעקומען אין דורכשניט 15—10 דאָל. אַ מאָנאַט מיט עסען. זיי קענען געפינען אַרבייט אין די גרויסע שטעדט, ווי אָטאַוואַ, מאָנטרעאַל און דעסגל..

וועשערינס (פראטשקעס) בעקומען אין מאנטרעאל פון 75 סענט ביז 1 דאל. א טאג אהן עסען.

שניידערקעס און מאדיסטקעס ווערען געפאדערט נאר אין איניגע געגענדען, דעריבער דארפען זיי ניט פאהרען קיין קאנא-דא, ניט האבענדיג זיך פריהער אנגעפרעגט צי עס וועט זיין פאר זיי ארבייט, סיידען זיי פאהרען צו קרובים. אין מאנטרעאל איז שוין פארהאן אזוי פיעל שניידערקעס, אז ארבייט איז פאר זיי זעהר שוער צו געפינען. אין אנטאריא פערדינען זיי אין דורכשניט 4 דאלאר א וואך; אין סען-דזשאן (ניי-ברוינשווייג) צאהלט מען $1\frac{1}{4}$ דאל. א טאג פאר נייען מענסקע קליידער און פון $2\frac{1}{2}$ ביז 7 דאל. פאר א פרויען-קלייד; אין וויניפעג (מאניטאבא) צאהלט מען 1—$1\frac{1}{2}$ דאל. א טאג, אין קאלגארי (צפון-מערב'דיגע טעריטאריעס) 20 דאל. א מאנאט אחוץ עסען, אין מאנטרעאל — פון 75 סענט ביז 1 דאל. א טאג, אין וואנקווועד (בריטיש-קאלומביא) פערדינען מאדיסטקעס אחוץ עסען $1\frac{1}{2}$—1 דאל. א טאג.

די אלע פרייזען פאר ארבייט, וואס זענען דא אנגעוויזען, גיבען מעהר ניט ווי א בעגריף וועגען דעם, וואס מען קען פער-דינען אין קאנאדא. די פרייזען זענען ניט קיין שטענדיגע, זיי בייטען זיך אפט.

---

## ווער דארף ניט פאהרען אין קאנאדא.

מעהר פאר אלץ ווערען אין קאנאדא געפאדערט פערמערס. ארבייטער אין דער לאנד-ווירטשאפט און הויז-בעדינטע. גוטע בעלי-מלאכות, וואס זענען געניט אין זייער פאך, קענען שטענדיג פערדינען, פונדעסטוועגען דארפען זיי פאהרען נאר ווען זיי האבען בעקאנטע אין לאנד אדער ווען זיי האבען בעקומען גענויע ידיעות, אז זיי וועלען האבען ארבייט.

פריקאזטשיקעס, קרעמער, סקלאדניקעס, פרויען, וואס ווילען ניט זיין דינסטען (ווי למשל גובערנאנטקעס, די וואס ארבייטען

אויף שרייב-מאַשינען אָדער אויף'ן טעלעפאָן, קרעמערקעס, ניאַנעס און דעסגל.) , ווי אויך פערזאָנען, וואָס האָבען ניט קיין פאַך אין האַנד און זענען ניט פעהיג צו פראָסטע אַרבייט , דאַרפען קיין קאַנאַדאַ ניט פאָהרען סיידען זיי האָבען געלד-מיטלען אָדער עס וואַרט אויף זיי אַ שטעלע .

---

## זעלבשטענדיגע ווירטשאַפט .

עמיגראַנטען, וואָס האָבען אַ קליינעם קאַפּיטאַל, קענען ווע-רען זעלבשטענדיגע פערמערס , אומעטום קען מען פאַר ניט קיין סך געלד קויפען איינגעאָרדענטע פערמעס מיט דער גאַנצער בעל-הבית'ישקייט . דערהויפּט איז פרוכטבאַר דאָס לאַנד אין מאַ-ניטאָבאַ, וואו דער טשערנאָזיאָם ליעגט אויף 3 און מעהר פוס די טיעף . וואַסער פעהלט ערגעץ ניט . די וואָס ווייסען ווי צו פיהרען מילך-ווירטשאַפט און זענען גרייט אַליין זיך צו פערנעהמען דער-מיט, קענען האָבען דערפון אַ שענעם פערדינסט . ווער עס וויל אין קאַנאַדאַ ווערען אַ זעלבשטענדיגער ערד-אַרבייטער דאַרף האָבען אחוץ געלד אויף צו קויפען ערד נאָך צו 12—10 רובל אויף אַ אַקער ערד (אַ ענגלישער אַקער איז 0,37 דעסיאַטין, דאָס הייסט, הונדערט אַקער זענען גלייך 37 דעסיאַטין) . כדי צו ווע-רען אַ זעלבשטענדיגער פערמער דאַרף מען האָבען ניט ווייניגער ווי 2,000 רובל . איידער מען נעהמט זיך פיהרען אַ ווירטשאַפט פאַר זיך, דאַרף מען גוט בעקאַנט ווערען מיט די אופנים פון ערד-אַרבייט אין קאַנאַדאַ . מען דאַרף דערצו זיין אַנ'אַרבייטער אַ יאָהר—צוויי ביי אַ פערמער אָדער ביי אַ קאָלאָניסט . ערשט נאָכ-דעם, ווי מען האָט אַ יאָהר—צוויי געאַרבייט אַלס געדונגענער אַרבייטער און מען איז בעקאַנט געוואָרען מיט די אופנים פון לאַנד-ווירטשאַפט אין לאַנד, מיט דעם דאָרטיגען לעבען און מיט דער שפּראַך , קען מען אָנהויבען צו טראַכטען וועגען ווערען אַ בעל-הבית פאַר זיך . די, וואָס האָבען גענוג געלד, לוינט בעסער

קויפען אַנ'איינגעאָרדענטע פערמע, איידער נעהמען אַליין בּעאַר־בּײַטען אַ ווילד שטיקעל ערד, וואָס דאָס קאָסט אַ סך געלד און מיה.

סוחרים מיט קאַפּיטאַל קענען זיך פערנעהמען מיט וואַלד־געשעפט. דער צענטער פון דעם וואַלד־האַנדעל איז אָטאַוואַ.

## דאָס ערד קויפען.

די קאַנאַדישע רעגירונג גיט אויף געוויסע בּעדינגונגען כּמעט אומעטום אומזיסט ערד. בּעסער פאַר אַלץ איז נעהמען שטיקער ערד אין די פּראָווינצען מאַניטאָבּאַ און די צפון־מערב'־דיגע טערריטאָריעס. אין די אַנדערע פּראָווינצען איז די ערד, וואָס ווערט אומזיסט געגעבּען, בּעדעקט מיט וועלדער, און אויס־האַקען די בּוימער און ריין מאַכען די פעלדער קאָסט זעהר פיעל מיה.

אין די פּראָווינצען מאַניטאָבּאַ און די צפון־מערב'דיגע טע־ריטאָריעס גיט די רעגירונג יעדער דערוואַקסענעם מאַנסבּיל (עלטער פאַר 18 יאָהר) אַ שטיק ערד פון 160 אַקער, לויט די פאָלגענדע בּעדינגונגען: פאַר'ן אָבּשרייבּען די ערד צאָהלט מען אין סך-הכּל אַרום 19 רובּל, אָבּער דאָקומענטען אויף דאָס שטיק ערד קען דער קאָלאָניסט בּעקומען נאָר ווען ער ווערט ענגלישער אונטערטאַן [3]). נישט שפּעטער ווי אַ האַלבּ יאָהר נאָך דעם ווי די ערד איז אָבּגעשריבּען געוואָרען אויף'ן עמיגראַנט, דאַרף ער זיך בּעזעצען אויף זיין שטיק לאַנד און בּעאַרבּייטען אַ געוויסען חלק פון איהם. אין פערלויף פון דריי יאָהר איז ער, ווייטער, מחויבּ

[1]) ווערען ענגלישער בּירגער אין קאַנאַדאַ, „נאַטוראַליזירען" זיך, ווי מען רופט דאָס אָן, קען יעדער עמיגראַנט, ווען ער זיצט שוין אין קאַנאַדאַ נישט ווייניגער ווי דריי יאָהר. די יודישע עמיגראַנטען גיבּען מיר אַנ'עצה נאַ־טוראַליזירען זיך, וואָרום דעמאָלט בּעקומען זיי אַלע פּאָליטישע רעכט, גלייך ווי אַלע ענגלישע בּירגער אין קאַנאַדאַ.

צו פערבריינגען אויף זיין פערמע נים ווענינער ווי 6 מאנאטען אין יאהר; אין פערלויף פון די 3 יאהר דארף ער אדער בעאר־ביימען דעם גרעסטען חלק פון זיין לאנד אדער האבען נים ווע־ניגער ווי 20 שטיק אייגענע פיה און אויסבויען פאר זיי שטאלען אויף ווינטער.

מען דארף וויסען, אז אזוינע פרייע שטיקער ערד, וואס ווע־רען אומזיסט געגעבען, ליגען אפטמאל ווייט פון דער אייזענ־באהן און פון מענשליכע ישובים. יוער עס וויל זיך נים בעזעצען וויים פון מענשען, מוז דעריבער קויפען אדער נעהמען אין ארענ־דע איינגעארדענטע פערמעס. פאר א אקער ווילד ערד צאהלט מען אין מאנימאבא פון 3 ביז 6 דאלאר, אין מערב־קאנט פון 3 ביז 4 דאל., בעארביימע ערד קאסט פון 5 ביז 25 דאל. א אקער און נאך טייערער. מען איז זיך נוהג אויסצאהלען פאר די גע־קויפטע ערד ראטעס־וויינ. ערד ארום שטעדט, וואס טויג אויף גערטנעריי, קאסט פון 10 ביז 25 דאלאר א אקער און נאך טיי־ערער.

אין בריטיש־קאלומביא ווערען שטיקער ערד אבגעגעבען אומזיסט אויף דיזעלבע תנאים, וואס אין מאנימאבא, דארט איז אבער דאס לאנד געבירגיג און בעדעקט מיט וועלדער. מען מוז דארט צוערשט ארויסנעהמען די קארטשעס פון די בוימען, און דאס קאסט פון 6 ביז 12 דאל. אויף א אקער. דער סארט ערד ווערט פערקויפט פאר 2½ דאל. א אקער און טייערער.

אויך אין דער פראווינץ אנטאריא און די אנדערע פראווינ־צען אין מזרח־טייל פון לאנד ווערען געגעבען אומזיסט נאר שטיקער ערד בעדעקט מיט וואלד. דא גים מען א פאטער מיט קינדער 200 אקער ערד (ערטער־וויינ נאר 160 אקער), א דער־וואקסענעם מאנסביל, עלטער פאר 18 יאהר, אדער א מאן און ווייב אהן קינדער 100 (ערטער־ווייז 120) אקער, אויף פאלגענדע תנאים: אין פערלויף פון די ערשטע 5 יאהר דארף מען אבריי־נינען פון וואלד און פערזייען נים ווענינער ווי צו 15 אקער פון יעדער שטיק ערד, יעדעס יאהר דארף דערביי פערזיים ווע־

רעֶן נִיט ווענִיגער ווִי צו 2 אַקער; דער קאָלאָנִיסט דאַרף זִיךְ אויסבּויען אַ שטוּבּ נִיט קלענער ווִי 16 פוּס אויף 20 (דאָס קאָסט פוּן 75 בִּיז 100 רוּבּל) און נִיט ווענִיגער ווִי 6 מאָנאַטען אִין יאָהר דאַרף ער פערבּרײַנגען אויף'ן לאַנד בּײַ זִיךְ אִין פערמע. אִין בּעזונדערע אויסנאַהם-פעלען קען דער קאָלאָנִיסט בּעפרײַט ווערען פוּן ערפִילען די דאָזִיגע בּעדִינגונגען.

אַחוּץ דאָס אומזִיסטע שטִיק ערד קען יעדער קאָלאָנִיסט בּעקומען פוּן דער רעגִירונג נאָךְ 100 אַקער צוּם מזומן-פּרײַז 50 סענט (1 רוּבּל) פאַר אַ אַקער.

ווִי אִין די אַנדערע פּראָווִינצען ליעגען די אומזִיסטע שטִיקער ערד אויךְ אִין אָנטאַרִיאָ ווײַט פוּן מענשלִיכע יִשובים. אַנ'-אײַנגעאָרדענטע פערמע מִיט 100 אַקער און מעהר ערד קאָסט פוּן 40 בִּיז 200 רוּבּל אַ אַקער (דאָס הײַסט פוּן 100 בִּיז 500 רוּבּל אַ דעסיאַטִין).

אִין דער פּראָווִינץ קוועבּעק קאָסט ווִילדע ערד פוּן 2 בִּיז 5 דאָל. אַ אַקער. בּעאַרבּײַטעטע ערד קאָסט 30—20 דאָל. אַ אַקער צוזאַמען מִיט די בּנינים. פאַר 100—50 דאָל. אַ יאָהר קען מען נעהמען אַ פערמע אִין אַרענדע. ווִילדע ערד קען מען קויפען פוּן דער רעגִירונג פאַר 50 קאָפּ' — 1,20 רוּבּל אַ אַקער, מִיט דעם תּנאַי צו קאָרטשעווען די בּוימער, בּעאַרבּײַטען די ערד און וואוי-נען אויף'ן לאַנד. דאָס געלד ווערט בּעצאָהלט אִין 4 יאָהר אַרום נאָכ'ן קויפען. אומזִיסטע שטִיקער ערד בּעדעקט מִיט וואַלד (100 אַקער) ווערען געגעבּען יעדער דער־וואַקסענעם (עלטער פאַר 18 יאָהר), וואָס נעהמט אויף זִיךְ אויסבּויען אַ שטוּבּ און רײַנ-מאַכען אִין פערלויף פוּן 4 יאָהר 12 אַקער ערד.

אִין די אַנדערע פּראָווִינצען (ניי-בּרוּינשווײַג, ניי-שאָטלאַנד, פּרִינץ-עדוואַרד'ס אִינזעל) קען מען אויךְ בּעקומען פוּן דער רעגִי-רונג ערד אומזִיסט אָדער אויף גוּטע בּעדִינגונגען.

# דִי יוּדִישֶׁע קָאלָאנִיֶעס.

אין קאַנאַדאַ געפִינט זיך אַ קליינע צאָהל יודישע קאָלאָנִיס־
טען. עס זענען פאַרהאַן 3 יודישע קאָלאָניעס, וואָס צווי פון זיי
זענען זעלבשטענדיג, דאָס הייסט, זיי קומען אוים אָהן זייטיגע
הילף. אַלע דריי קאָלאָניעס ליעגען אין דער פראָווינץ אַסיניבאָיאַ
(אין די צפון־מערב׳דיגע טעריטאָריעס). די קאָלאָניע הירש
ליעגט 6 מייל פון דעם טייך מאָאוז און 12 מייל פון דער גרעניץ
מיט די פעראייניגטע שטאַטען. דער קלימאַט פון דער קאָלאָניע
איז אַ גוטער, די ערד זעהר גוט און פרוכטבאַר, אויף די לאָנקעס
וואַקסט גוטע גראָז. אין דער קאָלאָניע זענען פאַרהאַן פיעל ברו־
נענס, וואָס גיבען אַ סך געשמאַקע וואַסער. דערהויפט זיוט מען
אין דער קאָלאָניע ווייץ. די קאָלאָניע עקזיסטירט אַרום 12 יאָהר
און עס וואוינען אין איהר ניט מעהר ווי 80 נפשות. די קאָלאָ־
ניע וואַפּעלאַ געפינט זיך אין דערזעלבער פראָווינץ אַסיניבאָיאַ
ביי דער גרויסער אייזענבאַהן. די קאָלאָניע האָבען אין יאָהר
1894 געגרינדעט 20 פאַמיליעס, וואָס האָבען געהאַט אייגענע
קאַפּיטאַלען און האָבען זיך געקענט בעגעהן אָהן זייטיגע הילף
איצט לעבען אין דער קאָלאָניע 36 פאַמיליעס. די גרעסטע יודישע
קאָלאָניע איז קאַפּעל (Qu'Apelle), ביי דער סטאַנציע קאַפּעל.
זי איז געגרינדעט שפּעטער פאַר די אַנדערע, אין די יאָהרען
1901—2. אין אָנהויב זענען אַהין געקומען 365 עמיגראַנטען,
אַ העלפט פון זיי האָט באַלד פערלאָזען די קאָלאָניע, און איצט
געפינען זיך אין איהר 56 פאַמיליעס (אַרום 160 פערזאָן). די
קאָלאָניסטען בעקומען שטיצע און האַלטען נאָך גאַנץ ווייט פון
ווערען זעלבשטענדיג.

## לעבענס־מיטלען .

צולעצט ברייִנגען מיר אייניגע ידיעות וועגען לעבענס מיטלען אין קאַנאַדאַ .

וואָס ווייטער צו מערב-זייט , קאָסט לעבענס־מיטלען אַלץ טייערער . די גרעסטע מקחים זענען אין בריטיש קאָלומביאַ . פיש קאָסט זעהר ביליג אין קאַנאַדאַ , און איז אומעטום פאַראַן אַ סך . טיי ווערט זעהר פיעל געברויכט . מיר ברייִנגען די מקחים פון די נויטיגסטע זאַכען, אין סענטען (אַ סענט — 2 קאָפּ.) :

| | | אין מזרח און צענטר פון קאנאדא | אין בריטיש-קאלומביא |
|---|---|---|---|
| רינדש-פלייש | 1 פונט | 8—17 סענט | 10—18 סענט |
| קאַלב-פלייש | ״ | ״ 8—15 | ״ 12—18 |
| קעז | ״ ״ | ״ 12—16 | ״ 18—24 |
| פוטער | ״ ״ | ״ 18—25 | ״ 20—35 |
| קאַווע | ״ ״ | 25—40 סענט | |
| רייז | ״ ״ | ״ 4—6 | ״ 5—10 |
| וואורסט | ״ ״ | ״ 10—12 | ״ 12—15 |
| צוקער | ״ ״ | ״ $3\frac{1}{2}$—6 | ״ 5—7 |
| טיי | ״ ״ | ״ 25—50 | ״ 60 |
| ברויט | 2 ״ | ״ 4—6 | ״ 8 |
| אייער | 1 דוצענד | ״ 15—40 | ״ 20—60 |
| מעהל | 25 פונט | 50—75 סענט | |
| מילך | אַ טעפּיל | ״ 5—8 | ״ 20 |
| קאַרטאָפּעל | אַ בושעל | ״ 50—80 | |

(אַ ענגלישער פונט איז גלייך $1\frac{1}{8}$ רוסישע פונטען ; אַ בושעל — 1,4 טשעטוועריק) .

די פרייזען פון דירות זענען די לעצטע יאָהרען זעהר געשטיגען . אין די שטעדט צאָהלט מען פאַר אַ הויז פון 4 ביז 6 צימערן : אין די מזרח-פּראָווינצען—7—14 דאָל. אַ חודש, אין מאַניטאָבאַ און אין די צפון-מערב'דיגע טעריטאָריעס 10—15 דאָל. ,

(אין וויניפּעג 15—25), אין בּריטיש־קאָלומבּיאַ 8—15 דאָל. אין ניי־בּרוינשווייג זענען דירות פּיעל טייערער. פאַר אַרבּייטער זענען פאַרהאַן ווענינ דירות. די וואָס בּעזעצען זיך אין נייע ערטער קויפען זיך דאָס רוב אַ פאַרטיג הילצערנעס הויז. וואָס נעהמט זיך פונאַנדער, קען שטיקער־ווייז אַריבּערגעפיהרט ווערען און צו־זאַמענגעשטעלט ווערען אויף'ן נייעם אָרט. עס זענען פאַרהאַן פאַבּריקען, וואָס בּויען אויס אַזוינע הייזער פון וועלכער מען וויל גרויס. אַ קליין הייזיל פון 2־3 צימערן קען מען האָבּען פאַר אַ רובּל 300.

אין די שטעדט קען מען זיך איינדינגען אויף קעסט און דאָס קאָסט: אין די מזרח־פּראָווינצען 3—4 דאָל. אַ וואָך, אין מאַניטאָבּאַ 3½—5½ דאָל., אין די צפון־מערב'דיגע טעריטאָ־ריעס און אין בּריטיש־קאָלומבּיאַ פון 3½ בּיז 6 דאָל. אַ וואָך.

אַ גאַנצער אַנצוג פאַר אַן'אַרבּייטער קאָסט אין קאַנאַדאַ 8—10 דאָלאַר (אין קיועבּעק און אין בּריטיש־קאָלומבּיאַ בּיז 15 דאָלאַר), אַ פּאָר הויזען—3—1½ דאָלאַר (אין קוועבּעק און אין בּריטיש־קאָלומבּיאַ בּיז 4 דאָלאַר). שטיוועל קאָסטען פון 1 בּיז 2½ דאָלאַר, דעסגלייכען אַ הוט.

---

פון אַלעם דעם, וואָס איז געזאָגט געוואָרען אין בּיכעל, איז שוין קלאָר, נאָר מיר חזר'ן עס נאָך אַ מאָל איבּער, אַז פאָהרען קיין קאַנאַדאַ דאַרף נאָר דער, וואָס איז שטאַרק און וואָס קען און וויל אַרבּייטען. דער עמיגראַנט דאַרף גרייט זיין אַ סך און שווער צו האָרעווען, דערהויפּט די ערשטע פּאָר יאָהר. בּאַלד ווי ער קומט צו פאָהרען, דאַרף ער קיין אַרבּייט ניט אויסקלויבּען, ער דאַרף אויסנוצען די ערשטע געלעגענהייט עפּעס צו פּערדינען, וואָרום קיין אַרבּייט וואַלגערט זיך ניט אויף די גאַסען. גרויסע שכירות בּעדייט נאָך ניט, אַז עס זענען פאַרהאַן ווענינ אַרבּייטער: ווען מען צאָהלט אַ סך, איז עס גיכער אַ סימן, אַז דאָס לעבּען איז דאָרט טייער. מען דאַרף ניט פויל זיין נאָכפרעגען זיך בּיי

געניטע מענשען, דערהויפט ביי די ספעציעלע אגענטען און אין די ספעציעלע אנשטאלטען, נאר צוגלייך דארף מען זיך גוט היטען בשעת'ן וועג און אויף'ן ארט און זיך ניט פערלאזען אויף עצות פון פרעמדע מענשען, וואס מען ווייסט זיי ניט און מיגן קען זיי ניט.

פרייז 3 קאפ'